**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווארנער האקול מעלדט 215 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פאר די ערזעצונג פון Livingston Avenue רעילראוד בריק

***פעדעראלע רעילראוד אדמיניסטראציע גרענט צו פארשנעלערן אויפבוי פון נייע בריק וואס וועט זיך ציען לענגאויס די האדסאן ריווער צווישן אלבאני און רענסעלעיר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די גרענט פון 215.1 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג צו שטיצן די ערזעצונג פון די פארעלטערטע Livingston Avenue רעיל בריק וואס ציט זיך לענגאויס די האדסאן טייך צווישן די סיטיס פון אלבאני און רענסעלעיר. די פינאנצירונג איז צוגעשטעלט געווארן אונטער די פעדעראלע רעילראוד אדמיניסטראציע'ס קאנסאלידעיטעד רעיל אינפראסטרוקטור און זיכערהייט פארבעסערונגען פראגראם און וועט פארשנעלערן די אנגייענדע פראיעקט צו ערזעצן די בירגער קריג-עפאכע סטרוקטור מיט א פארגעשריטענע בריק וואס וועט פארבעסערן פאסאזשיר און לאסט רעיל סערוויס דורכאויס די עמפייער קארידאר און אויך צושטעלן א האדסאן ריווער אריבערגאנג פאר פיסגייער און ביציקלען וועלכע איז שוין לאנג נויטיג. די פעדעראלע גרענט איז טייל פון אומגעפער 2.5 ביליאן דאלאר לעצטנס געשאנקען דורך די FRA.

"ניו יארק סטעיט מאכט היסטארישע פארשריט איבארצומאכן אונזער אינפראסטרוקטור נאכצוקומען די פארלאנגען פון די 21'סטע יאר-הונדערט אבער דאס פארלאנגט א געמיינזאמע באמיאונג דאס איינצופירן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך באגריס די שריט פון אונזערע פעדעראלע שותפים צוצושטעלן די קריטיש וויכטיגע פינאנצירונג, וועלכע וועט העלפן פארזיכערן אז באן פאסאזשירן - ווי אויך פיסגייער און ביציקלען - האבן הנאה פון די בענעפיטן פון א נייע, פארגעשריטענע Livingston Avenue בריק ווי שנעל מעגליך."

דאס ערזעצן די Livingston Avenue בריק - וועלכע איז א קריטישע פארבינדונג פאר פאסאזשיר רעיל סערוויס לענגאויס די עמפייער קארידער - איז א היסטארישע פראיעקט וועלכע שטעלט פאר אביישפיל פון גאווערנער האקול'ס פארשפרעכונג צו אינוועסטירן אין פראיעקטן וועלכע טוען ווידער פארבינדען געמיינדעס, פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט און מוטיגן וואוקס און עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר אלע ניו יארקער. אין צוגאב צו די פעדעראלע גרענט, וועט פינאנצירונג פאר די 634.8 מיליאן דאלאר פראיעקט אויך ווערן צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע'ס היסטארישע, 33 ביליאן דאלאר, פינף-יאר קאפיטאל פלאן. צוגרייטונג ארבעט ביים ארט האט זיך אנגעהויבן דורכאויס די זומער און די הויפט אויפבוי פון די נייע סטרוקטור איז געשאצט זיך אנצוהויבן אנפאנג 2025.

די פראיעקט וועט אויפבויען א זיבן-שפאן, אויפהייב-סארט בריק וועלכע קומט נאך פארגעשריטענע סטאנדארטן פאר הויך, ברייטקייט און שנעלקייטן. עס וועט אויך זיין ברייטער און געבויעט צו קענען פארנעמען שווערערע אנגעלאדענטע לאסט באנען, צוזאמען מיט צוויי פאסאזשיר באנען אין די זעלבע

צייט. די סטרוקטור וועט אויך קענען פארנעמען העכערע באן וואגאנען, ערלויבנדיג פאר מער לאסט, און וועט זיין מער פארזיכערט צו אקאמאדירן די פארקער פון שיפן אויף די האדסאן ריווער.

די ארגינעלע סטרוקטור איבער די האדסאן ריווער האט זיך געעפענט אין יאר 1865, און אירע ארגינעלע שיכטן זענען גענוצט געווארן צו בויען די יעצטיגע Livingston Avenue בריק אין 1901. די בריק, אונטער די אייגענטום פון CSX און פארדינגען צו Amtrak, האלט נאנט צום סוף פון איר דינסטפולער לעבן און עס טוט נישט נאכקומען די היינטיגע סטאנדארטן וואס אנבאלאנגט לאסט, שנעלקייט און הייך פלאץ; צווינגענדיג דערביי פאסאזשיר און לאסט באנען וואס פארן אריבער די בריק זיך צו האלטן צו וואג און שנעלקייט באגרעניצונגען. ווי אויך טוט דאס באגרעניצן די סארטן וואגאנען און לאסט וואס קענען דורכפארן די שטרעקע. אלס רעזולטאט דערפון קען די בריק מיט צוויי שינעס נאר גענוצט ווערן דורך איין באן אויפאמאל מיט א מאקסימום שנעלקייט פון 15 מייל פער שעה, צוברענגענדיג צו שפעטונגען אין די פארקער פון לאסט און פאסאנזשירן דורכאויס ניו יארק סטעיט. די יעצטיגע סערוויס לענגאויס די בריק נעמט אריין צוועלף Amtrak פאסאזשיר באנען און אומגעפער צוויי ביז זעקס לאסט באנען טעגליך.

די נייע בריק וועט געבויט ווערן לענגאויס די יעצטיגע סטרוקטור איידער טוישן באן פארקער צו די נייע בריק נאכ'ן פארענדיגונג, וועלכע איז געשאצט ערגעץ אין 2028. די יעצטיגע Livingston Avenue בריק וועט פארבלייבן אין באנוץ ביז יענע צייט, אזוי צו פארמינערן שטערונגען בעפאר עס וועט ווערן אוועקגענומען.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמישיאנער מערי טעריז דאמינגעז האט געזאגט**, "די Livingston Avenue בריק איז א סטרוקטור פון די 19'סטע יאר הונדערט וואס האט געשאפן שוועריגקייטן פאר רעיל פאסאזשירן אין ניו יארק סטעיט פאר צו לאנג. איך בין דאנקבאר צו אלע אונזערע פעדעראלע שותפים פאר זייער הילף און שטיצע פון די טוישנדע פראיעקט וועלכע וועט פארבעסערן פאסאזשיר און לאסט רעיל סערוויס דורכאויס די דורכגאנג און וועט אויך צושטעלן נייע פארוויילונג געלעגנהייטן פאר פיסגייער און ביציקלען בשעת'ן הנאה האבן פון די שיינקייט פון די קאפיטאל ראיאן."

**סענאט מאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט**, “די Livingston Avenue בריק שטעלט צו די איינציגסטע אוועילעבל פאסאזשיר רעיל דורכגאנג לענגאויס די האדסאן ריווער, צווישן אלבאני און רענסעליער, אבער איז אומגעפער 125 יאר אלט און ליגט אויף די פיערס פון די בירגער קריג-עפאכע און האט זיך שטארק פארעלטערט, דערביי שטעלנדיג אפסטעיט פאסאזשיר רעיל און ראוואר פארקער אין א ריזיקע. די אומגלויבליכע 215+ מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג וועט העלפן ערזעצן די בריק, פארבעסערן סערוויס און פארלעסליכקייט לענגאויס די עמפייער קארידאר, פארזיכערן פלוס פון טייך פארקער, ווי אויך צושטעלן א לאנג נויטיגע פיסגייער פארבינדונג. עס איז א גוטע טאג צו האבן די סענאט מאריטעט פירער פארטרעטן די קאפיטאל ראיאן. די בריק איז א הויפט פארבינדונג וואס ערלויבט פאסאזשיר רייזע צווישן ניו יארק סיטי און ערטער מערב פון רענסעלעיר, לענגאויס אפסטעיט, און צפון פון מאנטריאל. איך האב געקעמפט איבערמידליך צו באקומען די נויטיגע רעסאורסעס צו מאכן די פראיעקט מעגליך, פון קעמפן צו פארמערן פינאנצירונג פאר די קאנסאלידעיטעד רעיל אינפראסטרוקטור און זיכערהייט פארבעסערונגען פראגראם אין די פעדעראלע בייפארטיזאן אינפראסטרוקטור & דזשאבס געזעץ און דאן פערזענליך אנרופן טראנספארטאציע סעקרעטאר באטיגעדזש צו פארזיכערן די גרענט. איך בין שטאלץ אז די פראגראם ברענגט <u>גרויס</u> - די גרעסטע גרענט אין די היסטאריע פון די פראגראם - פאר די קאפיטאל ראיאן און גאנץ אפסטעיט היינט."

**סענעטאר קירסטען דזשיליבראנד זאגט**, "אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור איז וויכטיג צו פארבינדן געמיינדעס, הייבן אונזער עקאנאמיע, און פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט אין ניו יארק. די Livingston Avenue בריק איז וויכטיג אריבערצופירן מענטשן און פראדוקטן דורכאויס אלבאני,

רענסעלעיר, און ווייטער, און איר איבערפרישונג איז זייער נויטיג. איך בין שטאלץ צו האבן א האנט צו באקומען די פינאנצירונג, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו ברענגען פעדעראלע דאלארן צו ניו יארק צו פארבעסערן אונזער סטעיט'ס אינפראסטרוקטור."

**פארטרעטער פאול טאנקא האט געזאגט,** "די Livingston Avenue בריק איז א וויכטיגע פונקט פון פארבינדונג צווישן אלבאני און רענסעלעיר און איז די איינציגסטע אפסטעיט ניו יארק פאסאזשיר רעיל אריבערגאנג איבער די האדסאן. די בירגער קריג-עפאכע בריק האט שוין לאנג געדארפט ווערן ערזעצט נאכצוקומען די געברויכן פון אונזער געמיינדע. יעצט, ענדליך, וועט די פינאנצירונג העלפן פלאסטערן די וועג פאר וויכטיגע פארבעסערונגען וועלכע וועלן מוטיגן רעיל סערוויס און פארלעסליכקייט, און צושטעלן זיכערע און גרינגע צוטריט פאר פיסגייער. איך בין שטאלץ צו האבן געשפילט א ראלע און שטופן פאר די וויכטיגע פינאנצירונג צו אונזער ראיאן, און איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול און אלע וועמענס באמיאונגען האבן געטריבן די היסטארישע פראיעקט פאראויס."

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, געערכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באריי כערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

די רעדע איז איבער לעבנס, פארט שטייטער און ריקט זיך אפ ביי די זייט פאר הייווער ארבעטער!

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook פאלאוט אונז אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע 511NY טעלעפאן עפ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן